**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/24/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער HOCHUL מעלדט אויסברייטונג פון די סופפאלק פארברעכן אנאליז צענטער**

***סטעיט'ס אינוועסטירונג דריפלט די צענטער'ס גרויסקייט און דאפלט די צאל פון פראפעסיאנאלן וואס שטעלן צו אויספארשנדע שטיצע צו לאקאלע געזעץ אינפארסירונג אגענטורן***

***סופפאלק פארברעכן אנאליז צענטער איז איינס פון 11 אין די סטעיט'ס נאציאנאלע אנערקענטע, אייגנארטיגע פארברעכן אנאליז צענטער נעטווארק***

***לאנג איילענד רעקארדירט ווייניגסטע שיסעריי אינצידענטן מיט 44 שיסעריי אינצידענטן מיט שעדיגונג געמאלדן לעצטע יאר***

***פאלגט נאך גאווארנער'ס [רעקארד אינוועסטירונג צו באקעמפן פארברעכן]() דורך פארברייטערן טעכנאלאגישע און קאארדינאציע מעגליכקייטן פון געזעץ אינפארסירונג אגענטורן***

גאווארנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן די פארברייטערונג פון די סופפאלק פארברעכן אנאליז צענטער, איינס פון 11 אין די נאציאנאלע אנערקענטע, אייגנארטיגע נעטווארק פינאנצירט און געשטיצט דורך די סטעיט דיוויזיע פון קרימינאלע גערעכטיגקייט סערוויסעס (State Division of Criminal Justice Services) אין פארטנערשאפט מיט לאקאלע געזעץ אינפארסירונג אגענטורן לענגאויס די סטעיט. ניו יארק סטעיט האט אינוועסטירט באלד 1 מיליאן דאלאר צו דריפלען די צענטער'ס גרויסקייט און דאפלען די צאל פון פראפעסיאנאלן וואס ענטפערן פארלאנגען פאר הילף און שטעלן צו אויספארשנדע שטיצע וואס העלפט לאקאלע געזעץ אינפארסירונג אגענטורן לעזן, פארמיידן און פארמינערן פארברעכן. פריערדיגע דאטא ווייזט 44 שיסעריי אינצידענטן מיט שעדיגונג געמאלדן לעצטע יאר דורך די סופפאלק קאונטי, נאסאו קאונטי און העמפסטעד פאליציי דעפארטמענטס, די ווייניגסטע אויף רעקארד זינט 2006, ווען די דריי דעפארטמענטס האבן אנגעפאנגען מעלדן די דאטא צו די סטעיט. ווי אויך, פריערדיגע דאטא פון יאנואר ביז סעפטעמבער 2024, די מערסט-לעצטע פארהאן, האט געוויזן א 7 פראצענט רעדוצירונג אין געמאלדענע פארברעכן אויף לאנג איילענד ווען פארגליכן צו די זעלבע ניין חדשים'דיגע צייט אפשניט אין 2023.

"פאבליק זיכערהייט איז מיין ערשטע פריאריטעט - און די פארברייטערונג ערמעגליכט געזעץ אינפארסירונג צו מיטטיילן אינטעליגענץ, אנאליז און שטיצע צו אידענטיפיצירן האטספאטס און פארברעכן פעטערנס וואס העלפן זיי ארבעטן קלוגער," **האט גאווארנער Hochul (האקול) געזאגט.** "די אינטעליגענץ-מיטטיילונג און קאארדינאציע דורכגעפירט דורך די צענטערן ערלויבט געזעץ אינפארסירונג אגענטורן לענגאויס די סטעיט צו קאנצענטרירן רעסאורסעס וואו זיי זענען דאס מערסטע נויטיג, פארגרעסערנדיג אונזער מעגליכקייט צו האלטן ניו יארקערס פארזיכערט."

זייענדיג פלאצירט ביי די סופפאלק קאונטי פאליציי דעפארטמענט הויפטקווארטירן אין יאפהאנק, איז די סופפאלק פארברעכן אנאליז צענטער מער ווי דריפלט פון איר אריגינעלע מאס: 5,000 סקווער פיס אין פארגלייך צו 1,700 פיס ווען עס איז צום ערשט אוועקגעשטעלט געווארן אין 2019. די צענטער האט יעצט זיצונג פאר 45, ארויף פון 16, און האט א מאדערנע, 24-פיס-ברייט, 4.5-פיס-הויך ווידעא וואנט. די צענטער'ס שטאב איז צאמגעשטעלט פון פארברעכן אנאליזירער און געזעץ אינפארסירונג ארבעטער, פינאנצירט דורך סטעיט דיוויזע פון קרימינאלע גערעכטיגקייט סערוויסעס (DCJS); די סופפאלק קאונטי פאליציי דעפארטמענט; די קאונטי'ס דיסטריקט אטארני'ס אפיס, שעריף'ס אפיס, פראבעישן דעפארטמענט און טשיילד פראטעקטיוו סערוויסעס; נאסאו קאונטי פאליציי דעפארטמענט; די ניו יארק סיטי פאליציי דעפארטמענט; MTA פאליציי דעפארטמענט, די ניו יארק סטעיט פאליציי; די ניו יארק לופט נאציאנאלע גאורד; די סטעיט דעפארטמענט אוו קארעקשנס און קאמיוניטי סופערווידשן; און די ניו יארק/ניו דשערסי הייע אינטענסיטי דראג טרעפיקינג געגנט פראגראם.

**ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון קרימינאלע גערעכטיגקייט סערוויסעס קאמישענער Rossana Rosado (ראסאנא ראוסעדא) האט געזאגט,** "פארברעכן אנאליז שפילט א קריטישע ראלע אין שטיצן געזעץ אינפארסירונג אויספארשונגען. ביי אונזער פארברעכן אנאליז צענטערן ארבעטן די פראפעסיאנאלען מיט לאקאלע, סטעיט און פעדעראלע געזעץ אינפארסירונג ארבעטער וואס טיילן מיט זייער וויסנשאפט און ערפארונג און נוצן טעכנאלאגיע צו באקומען אינפארמאציע און דאטאר וואס ברענגט א מער געצילטע, סטראטעגישע צוגאנג צו לעזן און פארמיידן פארברעכן. איך אפלאדיר די ארבעט פון די איבערגעגעבענע פאבליק ארבעטער, לויב אויס אונזערע פארטנערס אין סופפאלק קאונטי און לענגואיס די סטעיט פאר זייער אנגייענדע צוזאמענארבעט און שטיצע, און דאנק גאווארנער Hochul (האקול) פאר איר אינוועסטירונג אין די וויכטיגע ארבעט און איבערגעגעבנקייט צו האלטן ניו יארקערס פארזיכערט."

**ניו יארק סטעיט פאליציי סופעראינטענדענט Steven G. James (סטיווען דשי. דשעימס) האט געזאגט,** "איך אפלאדיר גאווארנער Hochul (האקול) פאר איר אנגייענדע שטיצע און פארן אנערקענען די קריטישע ראלע וואס פארברעכן אנאליז שפילט אין לעזן און אדרעסירן די פארברעכן וואס באטרעפן טעגליך אונזערע געגנטער און קאמיוניטיס. רעסאורסעס אויזווי די סופאלק פארברעכן אנאליז צענטער זענען וויכטיג צו זאמלען און מיטטיילן וויכטיגע דאטא מיט אונזערע געזעץ אינפארסירונג פארטנערס אזוי אז צוזאמען, קענען מיר לעזן פארברעכן שנעלער און פארמיידן צוקונפטיגע אינצידענטן."

די סופפאלק קאונטי, נאסאו קאונטי און העמפסטעד פאליציי דעפארטמענטס זענען צווישן די 28 פאליציי דעפארטמענטס אונאנדערע געזעץ אינפארסירונג אגענטורן אין 21 קאונטיס וואס באקומען באלד 36 מיליאן דאלאר דורך די סטעיט'ס גאן אינוואלווד גוואלדטאטן אויסראטונג ( Gun Involved Violence Elimination, GIVE) איניציאטיוו צו פארמינערן שיסערייען און ראטעווען לעבנס. די דריי לאנג איילענד אגענטורן האבן צוזאמען געמלאדן צוויי-ציפערן פארמינערונגען אין די שיסעריי מעסטונג וואס GIVE אגענטורן זענען פארלאנגט צו מעלדן פארן סטעיט. ווען מ'פארגלייכט לעצטע יאר צו 2023:

- שיסעריי אינצידענטן מיט שעדיגונג איז אראפ 39 פראצענט (44 קעגן 72).
- די צאל פון מענטשן וואס זענען געשעדיגט געווארן דורך שיסערייען איז אראפ 35 פראצענט (59 קעגן 91).
- עס זענען געווען זעקס ווייניגער מענטשן וואס זענען גע'הרג'עט געווארן דורך שיסעריי גוואלדטאן, א 38 פראצענט פארמינערונג (10 קעגן 16).

פריערע אינדעקס פארברעכן געמאלדן דורך פאליציי אגענטורן אויף לאנג איילענד האט געוויזן א 7 פראצענט פארמינערונג פון יאנואר ביז סעפטעמבער 2024 קעגן 2023. ווילדע פארברעכן (מערדעריי,

רעיפ, רויבעריי, ווילדע איבערפאל) איז געפאלן מיט 4 פראצענט און פראפערטי פארברעכן (איינברעכעריי, רויבעריי, קאר גניבות) איז געפאלן מיט 7 פראצענט.

אונטער גאווארנער Hochul'ס (האקול'ס) פירערשאפט, האט DCJS באקומען רעקארד-שטאפל פינאנצירונג פאר די פארברעכן אנאליז צענטער נעטווארק (18 מיליאן דאלאר), GIVE (36 מיליאן דאלאר), SNUG גאס אוטריטש פראגראם (SNUG Street Outreach Program) (21 מיליאן דאלאר) און פראיעקט RISE (20 מיליאן דאלאר), פיר שליסט איניציאטיוון וואס שטעלן צו פינאצירונג און שטיצע צו לאקאלע געזעץ אינפארסירונג און קאמיוניטי פארטנערס וואס ארבעטן צו אדרעסירן די אורזאכן און נאכפאלגן פון גאן געוואלדטאטן און אנדער פארברעכן.

אין איר 2026 פיסקאלע יאר עקזעקיוטיוו בודשעט, האלט גאווערנאר Hochul (האקול) אן די אינוועסטירונגען און לייגט צו נאך 13 מיליאן דאלאר אוועקצושטעלן די ניו יארק סטעיט פארברעכנס אנאלאזירונג און דשאונט ספעציעלע אפעראציעס קאמענד הויפטקווארטירן. די קאמענד הויפטקווארטירן וועלן זיין א סטראטעגישע אינפארמאציע טעכנישע הילף און טרענירונג צענטער פאר די 11 צענטערן און פארבעסערן עקזיסטירנדע פארטנערשאפטן און פארברייטערן מיטצוטיילן ציפערן אינפארמאציע מיט די ניו יארק סטעיט אינטעלידשענס צענטער אנגעפירט דורך די סטעיט פאליציי, די לאקאל אנגעפירטע נעסאו קאונטי ליעד דעוועלאפמענט צענטער, און די סטעיט'ס דשוינט זיכערהייט אפעראציעס צענטער, וואס קאנצענטרירט זיך אויף באשיצן די סטעיט פון סייבער באדראונגען.

לעצטע יאר אליין, האט די שטאב ביים סופפאלק צענטער באקומען 30,010 ביטעס פאר סערוויס - באלד א פערטל פון די 130,928 סך הכל ביטעס באקומען דורך די נעטווארק - און געהאלפן 70 אנדערע געזעץ אינפארסירונג אגענטורן מיט קעיסעס פון היט-ענד-ראן עקסידענטס ביז מערדעריי. אן עקזעקיוטיווע באורד פון דירעקטארס זעען איבער דעם צענטער, צאמגעשטעלט פון אפישלס פון DCJS, די סופפאלק קאונטי פאליציי דעפארטמענט, סופפאלק קאונטי דיסטריקט אטארני'ס אפיס, סופפאלק קאונטי שעריף'ס אפיס און שעלטער איילענד פאליציי דעפארטמענט, וואס שטעלן פאר די סופפאלק קאונטי טשיעפס פון פאליציי אסאסיאציע.

**סופפאלק קאונטי עקזעקיוטיוו Ed Romaine (עד ראמעין) האט געזאגט,** "סופפאלק קאונטי'ס ערשטע פריאריטעט איז צו האלטן אונזערע קאמיוניטיס פארזיכערט. אלס גאסטגעבער צו איינס פון די גרעסטע אינטעלידשענס צענטערן אין די סטעיט, פירן מיר ווייטער אונזער איבערגעגעבנקייט צו פאבליק זיכערהייט דורך די איינפירונג פון פארגעשריטענע טעכנאלאגיע און צוטיילונג פון נויטיגע רעסאורסעס פאר אונזער לאקאלע געזעץ אינפארסירונג אגענטורן צו עפעקטיוו אויספארשן און פארמיידן פארברעכן."

**סופפאלק קאונטי עקטינג פאליציי קאמישענער Robert Waring (ראבערט ווערינג) האט געזאגט,** "די פארברעכן אנאליז צענטער איז א געוואלדיגע מיטל וואס ברענגט צוזאמען פארשטייער פון געזעץ אינפארסירונג אגענטורן אין איין לאקאציע, ערלויבנדיג לייכטע פארבינדונג און מיטגעטיילטע רעסאורסעס. דורך האבן די טעכנאלאגיע אין דעם צענטער, צוזמען מיט אנאליסטן וואס אידענטיפיצירן טרענדס און פעטערנס, פירן מיר ווייטער אונזער מיסיע פון לעזן און פארמיידן פארברעכן."

**סופפאלק קאונטי דיסטריקט אטארני Raymond A. Tierney (רעימאנד א. טירני) האט געזאגט,** "די פארברייטערונג פון די סופפאלק פארברעכן אנאליז צענטער (CAC) איז א געוואלדיגע שריט צו דורכזעבארהייט און צוזאמענארבעט מיט אלע אונזערע געזעץ אינפארסירונג פארטנערס. די CAC איז א וויכטיגע שטיצע סיסטעם פאר די מענער און פרויען אין געזעץ אינפארסירונג און וואס זענען אינעם פעלד יעדן טאג צו שטעלן זייער לעבן אין געפאר פאר די איינוואוינער פון סופפאלק קאונטי. האבן פארשטייער פון עטליכע ארגאניזאציעס אין די זעלבע צימער מיטטיילן אינטעלידשענס אין ריעל-טיים איז די שליסל צו

ווירקנדע פאליסינג. עס איז נישטא קיין ערזאץ פאר קאמיוניקאציע, צוזאמענארבעט און די אפענע פלוס פון אינפארמאציע צווישן אלע געזעץ אינפארסירונג אגענטורן. עס איז א שליסל צו הצלחה."

**סופפאלק קאונטי שעריף Errol D. Toulon Jr. (עראל ד. טולאן דשוניאר) האט געזאגט,** "די פארברייטערונג פון די סופפאלק פארברעכן אנאליז צענטער איז א סטראטעגישע אינוועסטירונג אין פאבליק זיכערהייט און וועט ווייטער פארבעסערן די ווירקזאמקייט פון געזעץ אינפארסירונג אפעראציעס. דורך פארמערן שטאב און פארברייטערן די צענטער'ס פיסאפדרוק, וועלן סופפאלק קאונטי געזעץ אינפארסירונג אגענטורן זיין בעסער אויסגעשטעלט צו קאארדינירן אינטעלידשענס, פארלייכטערן אויספארשונגען און ברענגען מער פארברעכער צו גערעכטיגקייט. א דאנק גאווארנער Hochul (האקול) און אונזער ניו יארק סטעיט פארטנערס פאר זייער שטיצע אין פארזיכערן אז סופפאלק קאונטי בלייבט אויפן פראנט פון אינאוואציע צו האלטן אונזערע קאמיוניטיס פארזיכערט."

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן